בית חינוך לבנות בית פיגא ברסלב

**פרשת משפטים**

**א' שבט תשפ"א**

**יאר 1 גליון 13**

# א גריס פון בית פיגא

## מעשיות פון תפילה

### פרי 1 עי - אדי קרויס

איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל געווואונען די דאווענען גורל וואס מיין טיטשער האט געמאכט, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב עס געוואונען!

### ערשטע קלאס - מלכי פורסט

מיין ציין האט זיך זייער שטארק געשאקלט, און איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל ארויספאלן, און ש'כח אייבערשטער עס איז שוין ענדליך ארויסגעפאלן!

### צווייטע קלאס - עליזה מזרחי

איך האב מיך נישט אזוי גוט געפילט, מיין קאפ האט וויי געטון, האב איך זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל מיך פילן גוט, און ש'כח אייבערשטער אז איך פיל מיך שוין גוט!

### פערדע קלאס - חי'לע לעזער

איך האב געלייגט א באטל וואסער און פריזער אז די נעקסטע טאג אין סקול זאל איך קענען האבן גוטע קאלטע וואסער. די נעקסטע צופרי האב איך געטראפן די באטל אין מיין בריפקעיס, מיין ברודער האט עס דארט אריינגעלייגט, און יעצט איז עס שוין געווען אינגאנצן אויפגעלאזט אוןווארעם. איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל מיך נישט אויפרעגן אויף אים, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב מיך נישט אויפגערעגט!

### עלטסטע קלאס - חני קאפלאן

איך האב זייער לאנג געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען קומען פון ארץ ישראל לערנען אין בית פיגא סקול, ש'כח אייבערשטער אז איך בין געקומען. איך האב שוין געדארפט צוריקפארן דינסטאג קיין ארץ ישראל אבער איך האב נאך געוואלט בלייבן דא. האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען בלייבן אין אמעריקא, און ש'כח אייבערשטער אז די פליגער איז געווארן געקענסלט, און נישט נאר דאס, נאר אויף די נעקסטע פליגער איז שוין נישט געווען מער קיין פלאץ, און יעצט זענען נישט דא קיין פליגערס מער ווייל ארץ ישראל האט זיך צוגעשפארט צוליב די קאראנע, אזוי קען איך נאך דא זיין! ש'כח אייבערשטער!

### בית פיגא ליבערטי - ליבי אינדיג

אין סקול האבן אונז געטוישט פלעצער, איך האב באקומען א פלאץ וואס איך האב נישט אזוי שטארק ליב געהאט, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל ליב האבן מיין נייע פלאץ און ש'כח אייבערשטער איך האב עס אנגעהויבן צו ליב האבן!

## נייעס אין בית פיגא

~ ברוכים הבאים פייגי און פרומי ברילל, אלע מיידלעך פון שטעטל סקול זענען אזוי פרייליך אז ענק זענען געקומען!

~ די וואך האט פערטע קלאס אין שטעטל געהאט א הלכות נטילת ידים טעסט, אלע מיידלעך האבן געבעטן די אייבערשטער אז זיי זאלן גוט קענען און ב"ה אלע מיידלעך האבן זייער גוט געקענט, ווייל זיי זענען זייער דרך ארץ'דיג אין קלאס און הערן זיך גוט צו צו די טיטשער.

~ אין די ווילימסבורג פרי 1 עי איז דא א שמחה מאשין יעדע מאל א מיידל איז פרייליך, אדער זי איז מוותר, און זי טוט מצוות קען זי גיין צו די מידות מאשין און עס קומט ארויס א גוטע זאך, אפאר מאל קומט ארויס א קליינע קענדי און אפאר מאל קומט אן אנדערע גוטע נאש. ווייל זיי זענען זייער פרייליכע מיידלעך.

~ לעצטע וואך האבן די מיידלעך פון זעקסטע קלאס געענדיגט נייען א יוניפארם פאר א דאל! ב"ה עס איז געלונגען הערליך שיין אלע מיידלעך האבן שוין קוים געקענטווארטן צו אנהייבן די נעקסטע זאך... ש'כח אייבערשטער אז די וואך האבן די מיידלעך אנגעהויבן נייען א הערליכע צניעות'דיגע קלייד פאר די דאל. מען וועט זיך אי"ה אויסלערנען ווי אזוי צו מאכן א העם, צונייען א קנעפל, און נאך אסאך. אזוי אז אי"ה ווען די מיידלעך וועלן חתונה האבן וועלן זיי וויסן וויאזוי מען נייט און זיי וועלן נישט דארפן גיין יעדע מאל צו די שניידערין, נאר זיי וועלן עס קענען אליינס צונייען און זיי וועלן זיך שפארן אסאך געלט. אויך זענען זיי זייער פרייליך ווייל נאך אביסל וועלן זיי שוין קענען אנהייבן צו נייען מיט א געהעריגע ניי מאשין!

# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך

יום ב' פרשת לך לך, ו' מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו ביסט שטארק נזהר אין די מצוה פון כיבוד אב ואם אפילו דו האסט גרויסע בזיונות פון זיי השם ירחם.

חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (ירושלמי פאה ג.) אז מען האט געפרעגט ר' אליעזר: "עַד הֵיכָן הוּא כִּיבּוּד אָב וָאֵם?" ביז וויפיל איז א מענטש מחויב צו מכבד זיין זיינע עלטערן, האט רבי אליעזר געענטפערט: "וְלִי אַתֶּם שׁוֹאֲלִין?!" וואס פרעגט איר מיר, "לְכוּ שַׁאֲלוּ לְדָמָה בֶּן נְתִינָה", גייטס פרעגן דמה בן נתינה. "רֹאשׁ פְּטַרְבּוּלֵי הָיָה", ער איז געווען פון די גרעסטע גענעראלן אין די מיליטער, "פַּעַם אַחַת הָיְתָה אִמּוֹ מְסַטַּרְתּוֹ", איינמאל האט אים זיין מאמע געשלאגן מיט א שיך "בִּפְנֵי כָּל בּוּלֵי שֶׁלּוֹ", פאר אלע סאלדאטן וואס זענען געווען אונטער אים, "וְנָפַל קוֹרְדְקוֹן שֶׁלָּהּ מִיָּדָהּ", און די שיך איז אראפ געפאלן פון אירע הענט, "וְהוֹשִׁיט לָהּ שֶׁלֹּא תִּצְטַעֵר", האט ער זיך אראפ געבויגן אויפצוהויבן די שיך און דאס געגעבן פאר זיין מאמע אז זי זאל זיך נישט דארפן אראפ בייגן און זיך מצער זיין.

בזכות דעם וואס דו ביסט מכבד דיינע עלטערן וועסטו זוכה זיין בקרוב צו א גוטע שידוך; ביז דו טרעפסט דיין שידוך זאלסטו זיך מחזק זיין מיט אלע כוחות, טראכט נישט אז א צווייטער האט א בעסערע לעבן פון דיר ווייל יעדער איינער האט זיינע שוועריקייטן. איינער האט בזיונות פון די עלטערן, ביים צווייטן זעט אויס פון אינדרויסן ווי אלעס קלאפט, אלע מיינען דאס זענען שיינע עלטערן אבער שטילערהייט ליידן די קינדער נעבעך וכו'; דעריבער קוק נישט אויף א צווייטן נאר דאנק דעם אייבערשטן אויף אלעס גוטס וואס ער טוט מיט דיר. נאך אביסל וועסטו טרעפן א גוטע שידוך.

**זאג יעדן טאג דעם 'יום תהילים'; אינעם ספר תהילים ליגן אלע ישועות.**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

# א מעשה פון א צדיקת

די הייליגע רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק איז אמאל איינגעשטאנען ביי זיין תלמוד ר׳ דוד זשולינער. ר׳ דוד האט זיך זייער שטארק איינגעבעטן ביי ר׳ אלימלך אז ער זאל בלייבן עסן א סעודה ביי אים אינדערהיים, ביז ר׳ אלימלך האט מסכים געווען.

מיט איין שמחה לויפט ער צו זיין ווייב פארציילן די פרייליכע בשורה אז זיין רבי, ר׳ אלימלך האט מסכים געווען צו עסן ביי זיי אינדערהיים א סעודה, און אויב זי קען צוגרייטן עפעס צו עסן.

זיין ווייב איז געווארן זייער פרייליך אז א צדיק וועט עסן ביי איר אינדערהיים, אבער פון די אנדערע זייט האט זי געטראכט, ׳איך האב גארנישט אינדערהיים, די הויז איז ליידיג פון עסן, וואס וועל איך אים סערווירן?׳

זי האט שנעל אנגעהויבן אויפזוכן אין די גאנצע הויז וואס זי קען אנגרייטן פאר די צדיק, און די איינציגסטע זאך וואס זי האט געטראפן איז געווען איין לעפל מעל. זי האט שנעל צוזאמגעמישט די מעל מיט וואסער און עס געשטעלט קאכן פאר א זופ. אבער וואסער מיט א לעפל מעל האט נישט קיין טעם, האט זי אריינגעלייגט די בעסטע ספייס וואס איז נאר דא, א ספייס וואס קאסט נישט קיין געלט, זי האט אריינגעלייגט אסאך אסאך תפילה. זי איז געשטאנען ביי די פלאם און געמישט די טאפ, און ביזדערווייל האט זי געבעטן די אייבערשטער אז זי זאל נישט פארשעמט ווערן, די זופ זאל זיין גוט און בזכות די הייליגע צדיק וואס וועט עסן פון די זופ זאל עס האבן א טעם פון גן עדן. ווען ר׳ אלימלך האט געגעסן די זופ האט ער זייער שטארק הנאה געהאט דערפון, נאר בזכות די תפילות פון די זשולינער רעבעצין.

עס איז אריבער אסאך אסאך יארן פון די מעשה, און ר׳ אלימלך איז שוין געווען זייער אלט און שוואך, ער האט קוים געקענט עסן. זיין משפחה און זיינע תלמידים זענען געווען זייער באזארגט אז ר׳ אלימלך עסט נישט געהעריג. איינמאל האט זיך ר׳ אלימלך אנגערופן, ״אויב עטס קענטס מיר פארשאפן אזא באטעמטע זופ אזויוי די זופ פון די זשולינער רעביצין דעמאלטס וועל איך עס עסן.״

די גבאים זענען שנעל געפארן קיין זשולין און זיי האבן געפרעגט די רעבעצין, ״וואס פאר א זופ האסטו אמאל געמאכט פאר ר׳ אלימלך פון ליזענסק, אז ער וויל נאר עסן דיין זופ?״ זי האט גוט געדענקט די מעשה און זי זאגט זיי, ״איך וועל אייך זאגן די אמת, ווען איך האב געמאכט די זופ האב איך גארנישט געהאט אין מיין הויז נאר איין לעפל מעל און אביסל וואסער, האב איך האב אריינגעלייגט אסאך תפילות אין די זופ אז עס זאל האבן א טעם גן עדן, און דאס האט די הייליגע ר׳ אלימלך געשפירט אין די זופ.״

**מיר וועלן אלע אי״ה מאכן עסן פאר אונזערע מענער און קינדער, מען קען מאכן די בעסטע עסן אבער עס האט נישט קיין טעם, און מען קען קאכן נאר וואסער מיט אביסל מעל און אויב מען לייגט אריין תפילה האט עס א טעם פון גן עדן.**

**בשעת מען מאכט יעדע זאך וואס מען טוט זאל מען בעטן די אייבערשטער אז עס זאל אויסקומען גוט, און מען זאל האבן אסאך הצלחה, ווייל מיט תפילה קומט אלעס אויס אסאך בעסער.**



# פון אונזערע לערערינס...

יום ב׳ וזאת הברכה תשע״ח

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי׳

איך פריי מיך אזוי דיר צו זעהן יעדן טאג ווי דו באגריסט אזוי שיין און ווארעם די קינדער אויף די באס! דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס דאס מיינט פאר די קינדער, און נאך מער פאר די מאמעס ווען זיי זעען ווי די קינדער לויפן מיט אזויפיל חשק ארויף אויף די באס.

זייער גוט האסטו געטון אז דו האסט אנגעטון א קייטל היינט ווייל אזוי קען מען קלאר זעהן צו די קלייד איז גענוג איינגענעמען ביי די האלז. עס איז די שענסטע זאך צו זעהן וואזוי דו גייסט אנגעטון אזוי איידל און צניעות׳דיג. עס איז א נחת דיר צו זען יעצט ווען דו גייסט שוין נישט מיט א יוניפארם ווי שיין צניעות׳דיג דו גייסט אנגעטון, און דו מוטשעסט נישט דיין מאמע דיר צו גיין קויפן קליידער, נאר פארקערט דיין מאמע זאגט מיר אז זי דארף דיך מוטשענען צו קויפן זאכן.

דו האסט אזא גוטע הארץ, זעה צו מאכן אנדערע מיידלעך פילן גוט, און נאכדערצו די נייע מיידלעך. ווען דו זעסט א מיידל זיצן אליינס, גיי שמועס מיט איר, דו וועסט איר ממש אויפלעבן, ווייל יעדער האט דיך ליב און וויל דיין קאמפעני.

בעט אסאך די אייבערשטער פאר א גוטע חתן, נאך אביסל וועסטו שוין זיין גרייט חתונה צו האבן. געדענק די עיקר איז צו זיין א מוותר און נישט ווערן באבלאזן ווען עפעס גייט נישט וואזוי מען האט געוואלט.

האלט וויטער אן צו קומען מיט אזא ריזיגע שמייכל צו סקול יעדן טאג, און שיין גריסן א יעדן איינעם, עס איז די שענסטע זאך צו זעהן, און דו לעבסט מיר אויף א יעדן טאג.

מיט ליבשאפט,

## ספר המדות ווינקל

### אות אמונה



מט. אֵין בֵּית-הַמִּקְדָּשׁ נִבְנֶה עַד שֶׁיִּכְלֶה גַּאֲוָה.

די בית המקדש וועט נישט ווערן אויפגעבויט ביז עס וועט מער נישט זיין גאוה.

סז. עַל-יְדֵי אֱמֶת הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא פּוֹדֶה אוֹתְךָ מִכָּל הַצָּרוֹת.

דורך אמת וועט דער אייבערשטער דיר ראטעווען פון אלע צרות.

## רעסעפי

### Chocolate chip cupcakes



4 c flour

2 c sugar

4 eggs

2 Tbs vanilla sugar

1 Tbs baking powder

½ tsp salt

½ coffee whitener

2 sticks margarine

10 oz chocolate chips

Preheat oven 350°. Combine all ingredients. Fill lined muffin pans with batter ¾ full. Bake for 25 minutes. Yield 24 muffins.

**נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!**

די רעסעפי לעצטע וואך האט געהאט אפאר טעותים דא איז די ריכטיגע רעסעפי.

| | |
|---|---|
| 6 c old fashioned oats | 1 tsp baking powder |
| ½ c oat bran | 1 tsp baking soda |
| 1 pack 6 oz ground almond | 1½ c oil |
| 1 c sugar | 1 c chocolate chips |
| 2 scoops vanilla sugars | 6 eggs |
| ½ c brown sugar | |

## קוואל פון חיזוק

212-444-9169

היטן די אויגן.....

הערט א שיעור הערט א שיעור פון די ראש ישיבה שליט״א

2,3,3,103



א גוט שבת!

זמן שבת: 5:12

זמן מוצש״ק: